WE ARE NY

**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/28/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שטייט מיט לעגאלע קאנאביס ריטעיל פארקויפער צו אנאנסירן ווייטערע שריט צו פארשליסן אומלעגאלע געשעפטן

***באמיאונגען צו אפשטעלן אומלעגאלע קאנאביס אקטיוויטעטן וועט שטיצן ניו יארק'ס וואקסנדע אינדוסטריע און וועט בענעפיטירן די לעגאלע און גערעכטע מארקעט***

***פארשלאג פארברייטערט אויטאריטעט פון די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג און פון לאקאלע רעגירונג אגענטורן צו פארשליסן געשעפטן וואס פארקויפן קאנאביס אן א לייסענס***

***גאווערנער האקול רופט אויף טעכנאלאגיע פירמעס צו אויפהערן ערלויבן אומלעגאלע געשעפטן פון אדווערטייזן אויף אינטערנעט פלאטפארמעס***

גאווערנער קעטי האקול איז היינט באגלייט געווארן דורך פארשטייער פון ניו יארק'ס לעגאלע קאנאביס ריטעיל פארקויפער, אריינרעכנענדיג אזעלכע וואס האלטן 'באדינגטע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפט' (Conditional Adult-Use Retail Dispensary, CAURD) לייסענסעס, צו אנאנסירן די סטעיט'ס ווייטערע שריט צו פארשליסן די אומלעגאלע קאנאביס מארקעט. אומלייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער זענען ווייטער געבליבן אפן און אפערירן אריבער די סטעיט, אפט פארקויפנדיג פראדוקטן וואס זענען נישט אריבער קיין טעסטס און ברענגענדיג אומבאקוועמליכקייטן צו קאמיוניטיס. חוץ פון דעם, האבן די געשעפטן אונטערגעגראבן די וואוקס פון ניו יארק'ס לעגאלע אינדוסטריע און די ריטעיל פארקויפער וואס אפערירן דערין.

"ניו יארק מוז אונטערנעמען שריט צו פארמאכן אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן וואס בלייבן ווייטער אפן און אפערירן אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארשטערקערן ניו יארק'ס גערעכטע קאנאביס אינדוסטריע און באשיצן די שווער-ארבעטנדע קליינע ביזנעס אייגנטימער וואס האלטן אויף ביזנעסער אין די לעגאלע מארקעט זענען די הויפט פריאריטעטן, און די בעסטע וועג צו ערגרייכן די ציהלן איז דורכן אונטעריאגן די פארשליסונג פון אומלייסענסירטע געשעפטן."

גאווערנער האקול'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט רעכנט אריין א פלאן צו פארברייטערן די אויטאריטעט פון די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM) און פון לאקאלע רעגירונג אגענטורן צו פארהאקן געשעפטן וואס פארקויפן קאנאביס אן א לייסענס. די פארשלאג וועט פארשטערקערן די אינפארסירונג אויטאריטעט, פארשנעלערן די פארשליסונג פון אומלייסענסירטע געשעפטן און אנטמוטיגן מענטשן פון טוהן אומלעגאלע אקטיוויטעטן. די פלאן:

- פארברייטערט די כוח פון די OCM צו פארגרינגערן דעם פראצעדור פון אפשפארן אומלעגאלע געשעפטן.

- אויטאריזירט לאקאלע רעגירונגען צו אויספירן OCM פארשליסונג באפעלן כדי צו פארזיכערן געשווינדע שריט צו פארמאכן אומלייסענסירטע געשעפטן.
- שטעלט אוועק לאקאלע אפיציעלע ליסטעס פון לייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער צו ארויסהעלפן און באפולמעכטיגן לאקאלע רעגירונגען, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי, צו אפשפארן אומלייסענסירטע ביזנעסער דורך זייערע אייגענע געזעצן און מיטלען.

גאווערנער האקול איז באגלייט געווארן דורך עטליכע מיטגלידער פון די סטעיט'ס CAURD פראגראם וועלכע האבן זיך געלאזט הערן איבער די דרינגנדע נויט צו פארשליסן אומלעגאלע קאנאביס פארקויפער. די פארקויפער וואס האלטן CAURD לייסענסעס זענען געווען די ערשטע ריטעיל געשעפטן זיך צו עפענען פאר לעגאלע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס געשעפטן אין ניו יארק סטעיט, אוועקשטעלנדיג ביזנעסער אין אייגנטום פון מענטשן וואס זענען געווען פארפלאנטערט מיט די יוסטיץ סיסטעם אלס די יסוד פון ניו יארק'ס ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס מארקעט.

אין צוגאב, האבן סאָושעל מידיע און גרויסע טעכנאלאגיע פירמעס צוגעהאלפן מיטן פעדערן אומלייסענסירטע געשעפטן, און זיי האבן וויסנדיג ערלויבט אומלעגאלע געשעפטן צו אדווערטייזן אויף די אינטערנעט, אונטערגראבנדיג אונטער ניו יארק'ס באמיאונגען צו בויען א זיכערע און גערעכטע קאנאביס אינדוסטריע. אלס טייל פון איר אנאנס, טוט גאווערנער האקול רופן אויף טעכנאלאגיע פירמעס צו פארבאטן צו אדווערטייזן אומלייסענסירטע געשעפטן וואס פארקויפן מעגליך-געפארפולע פראדוקטן אויף זייערע פלאטפארמעס.

**אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קריס אלעקסאנדער, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז אין שפיץ פונעם לאנד מיט איר איבערגעגעבנקייט צו גערעכטיגקייט אין קאנאביס. כדי צו באשיצן דאס וואס מיר בויען, מוזן מיר זיכער מאכן אז אונזערע לעגאלע געשעפטן האבן אן אמת'ע טשאנס צו בליהען קעגן אומלעגאלע פארקויפער. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און אונזערע שותפים אריבער די סטעיט פאר די פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט דאס צו ריכטיג מאכן. די געוויכט איז צו גרויס און עס איז העכסט צייט אז מיר זאלן פארשליסן די אומלעגאלע געשעפטן און האלטן טעכנאלאגיע פירמעס פאראנטווארטליך."

**CEO פון The Cannabis Place, אסבערט ארדוּנע, האט געזאגט,** "צוזאמען קענען מיר ארויסשיקן א מאכטפולע מעסעדזש אז אומלייסענסירטע קאנאביס געשעפטן האבן נישט קיין פלאץ אין אונזערע קאמיוניטיס, און אז מיר זענען פארפליכטעט צו היטן אויף די פויסט פונעם געזעץ און באשיצן די זיכערהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקער. עס איז גאר וויכטיג אז די לעגיסלאטור, רעגולאטארישע אגענטורן און לאקאלע רעגירונגען זאלן ארבעטן צוזאמען צו פארזיכערן די שטאנדהאפטיגקייט און הצלחה פון ניו יארק'ס קאנאביס מארקעט. איך וויל באדאנקען די פילע שתדלנים, געזעצגעבער, די OCM און די גאווערנער פאר אלע זייערע באמיאונגען צוזאמען צו בויען א לעגאלע, זיכערע, רעגולירטע מארקעט פאר קונדן מיט אמת'ע געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע גערעכטיגקייט."

**אלפרעדאָו ענגווערע, פון די אייגנטימער פון ConBud, האט געזאגט,** "די עקאנאמישע השפעה פון די אומלעגאלע קאנאביס מארקעט פארשפרייט זיך ווייטער פון אונזערע אפסטעיט פארמער און לעגאלע געשעפטן, ווירקנדיג אויף די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע אונזערע ניו יארק סטעיט איינוואוינער. פון פארלוירענע שטייער פארדינסטן ביז וויניגער אינוועסטירונג געלעגנהייטן — טוט די אנוועזנהייט פון אומלעגאלע פארקויפער ארויסשעפן שטייער דאלארן וואס זענען געווידמעט פאר די קאמיוניטיס וואו די לעגאלע געשעפטן געפונען זיך, און עס נעמט אוועק ווערטפולע מיטלען פון אונזערע קאמיוניטיס, שטייענדיג אין וועג פון וואוקס און עקאנאמישע הצלחה. די קאמף קעגן די אומלעגאלע קאנאביס מארקעט איז א קאמף פאר די צוקונפט פון אונזערע קאמיוניטיס און אונזער עקאנאמיע. דורכן ארבעטן צוזאמען צו אויסראטן אומלעגאלע פארקויפער, שטיצן לאקאלע פארמער און שטופן פאר פאראנטווארטליכע

רעגולאציע, קענען מיר בויען א שטערקערע, זיכערערע און מער גערעכטע קאנאביס אינדוסטריע פאר פילע קומענדיגע דורות."

**לאטינאָ קאנאביס אסאָסיעישען וויצע פרעזידענט, סענדרע יאַקוועז, האט געזאגט,** "אונזער אסאָסיעישען שטיצט גאווערנער האקול'ס פארשלאג צו אונטערנעמען אנטשיידענע שריט קעגן די אומלעגאלע אפעראציעס צו באשיצן קונדן, שטיצן געזעצליכע ביזנעסער און היטן אויף די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזער אויפשטייגנדע קאנאביס אינדוסטריע, און מיר רופן אויף געזעצגעבער אויך צו שטיצן די פלאן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן